# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון **14** | חג ה**סוכות** תש"פ


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# אַ שטיק תורה

ארויסגענומען פון ליקוטי מוהר"ן, סי' רס"ו

**פאַרוואָס עפעס איז די מצוה פון סוכה דווקא מיט עסן און שלאָפן א.ד.ג.?** | וואָס איז די קשר פון סוכות מיט שמחת תורה? | **וויאַזוי קען איך זיך אויך פרייען מיט די תורה?**

יעדעס יאר שמחת תורה, ווען אלע אידן פרייען זיך מיט די תורה וואס מיר האבן זוכה געווען צו ענדיגן, מאכט זיך ביי א מענטש אז ער טראכט ביי זיך מיט קלעם, וואס האב איך זיך צו פרייען מיט די תורה? מילא די אלע תלמידי חכמים, גאונים, רבנים, דיינים, וואס הארעווען א גאנץ יאר איבער די הייליגע זיסע ווערטער פון די תורה הקדושה יומם ולילה, זיי האבן זיך מיט וואס צו פרייען, אבער איך? ווער בין איך בכלל? איך בין דאך פאריאגט און פארפלאגט א גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט דורכאויס די יאר על המחיה ועל הכלכלה צו ברענגען פרנסה אין שטוב, קוים וואס איך קום אן צו לערנען עפעס שיעורים איבערן טאג, וואספארא שייכות האב איך מיט די תורה? מיט וואס פריי איך זיך?

אט די מחשבה'לע קומט נישט אפיר בלויז שמחת תורה, נאר אויך לענגאויס דעם יאר זענען פאראנען אזעלכע מענטשן וואס עס קוקט זיי אויס אז נאר בשעת זיי לערנען אדער דאווענען נאר דעמאלטס האבן זיי שייכות מיטן אייבערשטן און מיט די תורה, אבער ווען זיי דארפן ארויסגיין אויפן גאס צו ערלעדיגן געוויסע געשעפטן אדער צו גיין ארבעטן צו ברענגען ברויט אין שטוב, און אזוי אויך בשעת'ן שלאפן אדער עסן, דעמאלטס זענען זיי אפגעהאקט פון די תורה ווי גלייך אין אזעלכע מצבים קענען זיי נישט זיין נאנט צום אייבערשטן ח"ו.

מיר אידעלעך ווייסן שוין אבער וואס דער הייליגער זוהר הקדוש איז מגלה אז **אוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל כֻּלָּא חַד!** דאס טייטש, נישט נאר אז דער איד האט שטענדיג א שייכות מיט די תורה אין יעדן מצב, נאר דער איד'ל זעלבסט איז א שטיק תורה! - ווילאנג ער גייט נישט בכוונה קעגן די תורה. אזיווי דער הייליגער בעש"ט האט אמאל געזאגט: מה דאך ווען איינער לערנט נאר "המחליף פרה בחמור" איז ער מקיים די מצוה פון עסק התורה - כל-שכן אז איינער גייט בפועל ארויס אויפן גאס אין איז "מחליף פרה בחמור" און אזוי ווייטער, על-אחת-כמה-וכמה אז ער איז מיט דעם מקיים די תורה (מובא בליקו"מ סי' ר"פ).

אט דאס איז אייגנטליך וואס דער הייליגער יום-טוב סוכות איז משפיע אין אונז: וויבאלד ביז יעצט דורכאויס די טעג פון ראש-השנה און יום-כיפור איז אונזער עיקר עבודה געווען צו זיצן אין ביהמ"ד פון צופרי ביז די גאר שפעטע פארנאכט'ס שעה'ן און עוסק געווען מערער אין תורה ותפילה שפירנדיג דערביי א דירעקטע שייכות מיטן רבוש"ע, אבער יעצט, שטייענדיג אין דעם הייליגן יו"ט סוכות, גייען מיר פלוצלינג אריין אין א דראסטישן טויש אין א גאר פארקערטע ריכטונג, ווען אונזער עיקר עבודה און דער עיקר מצוה פון די סוכה איז דווקא דארט צו עסן און טרינקען, פארברענגען, שפאצירן, שלאפן... (כמבואר בשו"ע סי' תרל"ט, סעי' א'). וויבאלד אט דאס זענען מיר זוכה דורך די געוואלדיגע כח פון דעם יו"ט סוכות - אז אלעס וואס מיר וועלן נאר טון און זיך באשעפטיגן פארביילויפיג דעם קומענדיגן יאר, וועט אלעס זיין א שטיק תורה! (- ווילאנג עס איז אויסגעהאלטן לויט די תורה פארשטייט זיך).

> **שטייענדיג אין דעם הייליגן יו"ט סוכות, גייען מיר פלוצלינג אריין אין א דראסטישן טויש, ווען דער עיקר מצוה פון די סוכה איז דווקא דארט צו עסן, טרינקען, פאַרברענגען, שפאַצירן, שלאָפן...**
> (כמבואר בשו"ע סי' תרל"ט, סעי' א')

דערפאר, נישט אומזינסט האט די תורה אוועקגעשטעלט די מצוה פון סוכה דווקא **אינדרויסן** פון שטוב, וויבאלד דורך די מצוה פון סוכה זענען מיר ממשיך די כח און די קדושת התורה אפילו ווען מיר געפונען זיך **אינדרויסן** אויפן גאס נישט האבנדיג דעמאלטס די פריוועליגיע צו זיצן **אינעווייניג** אין ביהמ"ד אדער אינדערהיים צו עוסק זיין אין תורה ותפילה - אז אויך דאן זאלן מיר שטענדיג זיין ארומגענומען מיט תורה!

דאס קענען מיר זיך אויך איבערצייגן ווען מיר געבן א בליק אריין אין שו"ע אנפאנג אורח חיים, ווי עס שטעלט זיך דארט ארויס, אז מיט א יעדע ריר וואס דער איד גיבט זיך איז ער אלץ ארומגענומען מיט תורה, אנגעהויבן פונעם אויפשטיין; וויאזוי זיך אנצוטון; הנהגות אין ביהכ"ס; וויאזוי צו גיין אין גאס - און אזוי ווייטער - ביזן וויאזוי זיך צו לייגן ביינאכט אין בעט שלאפן. יא יא, אפילו ווען דער מענטש האט נישט קיין כח גארנישט צו טון, ער ליגט אין בעט מאכטלאז, מוטלאז, גענצליך אויסגעלאשן, אבער ער ליגט כאטש אויפן זייט, טוט

המשך בעמוד ד'

# • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

## סוכה

### *צלתה מרובה מחמתה*

*(סוכה פ"ב מ"ב)*

מה שהסוכה צריכה שתהא **צלתה מרובה מחמתה**, כי **חמה** בחינת **תורה** (כידוע) **וצל** בחינת **תפילה** (בחי' צלותא) ושניהם צריכים לעבודת הבורא, אבל **העיקר הוא התפילה** (בבחי' מה שצריכין שיהיו "מעשיו מרובין מחכמתו" (אבות פ"ג, מ"ט)), כי התפילות שמתפלל על מצבו הרוחני היא בחינת **מעשה!**

*(ליקו"ה ר"ח ה"ה, אות כ"א)*

### *משל לעבד שבא למזוג כוס לרבו וכו'* *(סוכה פ"ב, מ"ט)*

**ירדו גשמים וכו' משל לעבד שבא למזוג כוס לרבו ושפך לו קיתון על פניו.** ביאור הענין, כי כשאנו **נכנסים** בהסוכה הוא בחינת שאנו **נכנסים** בעבודת השם, כמו שידוע מפי הרה"ק רבי בונם מפשיסחא גודל מעלת קדושת סוכה שכל האדם נכנס בהמצוה, ואזי הדרך שמראין לו התרחקות (ליקו"ת סי' מ"ח), ובאמת כל ההתרחקות הם רק כולו התקרבות! וזהו **משל לעבד וכו' ושפך לו 'קיתון' בפניו**, **קיתון** אותיות **תיקון** - כי הם **תיקונים** גדולים שמזמינים לפניו כדי שיוכל להתקרב!

*(עונג שבת)*

## ארבע מינים

### *ערבי נחל*

מבואר בכוונות שהד' מינים הם בחי' ד' אותיות הוי"ה, ומבואר שהערבי נחל מרומז בה' ראשונה, ולכאורה הדבר תמוה, כי הלא מבואר במדרשים שהערבי נחל מרמזים על פושעי ישראל, ומדוע גיורא בשמי שמיא - שהערבי נחל יהיו מרומזים בה' הראשונה למעלה מוא"ו ה"א שהם הלולב והאתרוג? אך זה בא לרמז שלפעמים כשאחד יורד מאד ח"ו בתכלית הירידה, אז דייקא צריך להחיות עצמו ע"י הקדושה עליונה ביותר! - ע"י הביקוש והחיפוש "איה מקום כבודו" (בבחי' "בראשית מאמר סתום - המבואר בליקו"ת סי' י"ב), שזה בחינת מה שצריכין לקשר הערבי נחל ולכוללם דייקא למעלה בבחינת ה"א ראשונה:

*(ליקו"ה שבת ה"ז, נ"ה)*

### *מאן נצח?!*

איתא בתיקוני זוהר (דף כ"ט:), שאחר כל המלחמה שכלל ישראל היו עסוקין בימים הנוראים עם הסטרא אחרא 'עשיו-עמלק', אזי

המשך בעמוד ג'

יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

# הילולא קדישא

### של רבינו הקדוש, נחל נובע מקור חכמה, צדיק יסוד עולם

## הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצוק"ל

**רביז"ל** נולד **ר"ח ניסן** שנת **תקל"ב** לאביו, הרה"ק מורינו **רבי שמחה**, בן הרה"ק רבי **נחמן מהורדענקא** - מגדולי תלמידי ומקורבי הבעש"ט זי"ע, ולאמו הצדקנית מרת **פייגא**, בתה של הצדקנית מרת **אדל**, בתו של **הבעש"ט** זי"ע. באלול תקס"ב עבר רבינו לדור בעיר ברסלב. ברבות השנים נולדו לרבינו שמונה צאצאים מזיו"ר. שש בנות ושני בנים, אבל ארבעה מהם נפטרו בצעירותם. מארבע בנותיו הנשארות נבנו משפחות מפוארות, כשהם מתחתנים עם גדולי ומפורסמי הדור ההוא. רביז"ל גם השאיר אחריו שלשה ספרים, והם: א) **ליקוטי מוהר"ן** - המעוטר בהסכמות מגדולי ומפורסמי הדור בעת ההוא, הלא המה; הרה"ק החוזה מלובלין, הרה"ק המגיד מקוזניץ - בעמח"ס עבודת ישראל, הגה"ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב - בעמח"ס אורח לחיים, הרה"ג רבי אפרים זלמן מרגלית מבראד - בע"מ שו"ת בית אפרים, ועוד. ב) **ספר המידות**. ג) ספה"ק **סיפורי מעשיות**. כחצי שנה קודם פטירתו - ה' אייר **תק"ע**, נכנס רביז"ל לגור בעיר אומין. ובי"ח תשרי שנת **תקע"א** - ב' דחוה"מ סוכות - אושפיזין דמשה רעיא מהימנא נסתלק רביה"ק לגנזי מרומים - כשהיה סך הכל ל"ח שנים. כשמנוחת כבודו שם בעיר **אומין** יצ"ו כאשר גילה רצונו מקודם. וכבר ידוע מה שאמר רביז"ל: **"שהאש שלו כבר תוקד עד ביאת המשיח!"**

### הנסיעה להרה"ק בעל התולדות יעקב יוסף

רביז"ל עוד זכה להכיר את פני הרה"ק בעל ה"**תולדות יעקב יוסף**" זצוק"ל כשהיה ילד קטן. ומעשה שהיה כך היה; כידוע נולד רביז"ל בבית הבעש"ט במעזבוז ששם היו מתאספים תדיר הצדיקים הקדושים תלמידי הבעל שם. פעם אחת כשהתחברו יחדיו כמה מהצדיקים שהתארחו שם לנסוע להרה"ק בעל התולדות, רצה רבינו שהיה אז ילד כבן ד' או ה' שנים, גם כן לנסוע עמהם, והפציר בהם שיקחוהו עמם, ובהיותו ילד קטן לא רצו לקחתו. כשהבחין רבינו בכך, הלך והתפשט לפני גלגלי המרכבה כדי שלא יוכלו לנסוע לדרכם, אז בראות הצדיק הרה"ק רבי **חיים קראסנער** זי"ע את עקשנותו הגדולה תפסו בידו אחת והעלהו על המרכבה ונסע עמהם יחד, וכידוע שרביז"ל החזיק טובה להרה"ק רבי חיים קראסנער על זה, כי זה היה הפעם יחידי שזכה לראות את פני בעל התולדות. (שיש"ק ג, צ"ו)

### מדוע שתק הרה"ק רבי ברוך'ל?

סיפר הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל מה ששמע מפי אחד שעוד שימש זקן מופלג אחד בשם ר' מיכטש'ע, שהיה נכדו של הרב רבי ברוך'ל, שר' מיכטש'ע אמר; הסכת ושמע מה שבעיני ראיתי ובאזני שמעתי בהיותי ילד. כי כמה פעמים זכיתי שזקני הקדוש הושיבני בחיבה על ברכיו, ובעת שהייתי נוכח בשולחנו הטהור של סבי הרה"ק רבי **ברוך'ל ממעזבוז** - יחד עם עוד כמה מנכדיו היה המעשה הזה... והיו שם הרבה רעבע'ס שהיו רגילים אצל הרה"ק ר' ברוך זצ"ל. באמצע עריכת השולחן, תוך כדי שיחה, החלו כמה אנשים להתלוצץ מהרה"ק מוהר"ן מברסלב, וזקיני הקדוש שמע את דבריהם אך לא הגיב מאומה. ברם, לאחר מכן אמר לי זקני: "דע לך כי כפות רגלי הרה"ק מוהר"ן גבוהים ונעלים יותר מראשם של כל אלו שדיברו עליו..." ובלשון אידיש: **"וואס ער פארמאגט אין פאנטאפיל פארמאגין זיי נישט אין קאפ"**, שאלתי אותו; "אם כן מדוע שתק הסבא ולא מחה בהם?!" ענה לי סבי ואמר: "מפני שנשמתו של ר' נחמן גבוהה מאד, ולא היה לה קיום בעולם הזה לולא המחלוקת שעליו והדיבורים כנגדו, אבל אותך אני מזהיר שלא תדבר על ר' נחמן מברסלב". וכידוע המעשה, שאחר שמחת הברית מילה של רביז"ל (שבת הגדול שנת תקל"ב) נכנסו האחים הקדושים רבי ברוך'ל ורבי אפרים מסדליקוב - הבעל "דגל מחנה אפרים", לברך את אחותם היולדת ואת הרך הנולד, וביקשה מרת פייגא את אחיה - הרבי ר' ברוך'ל - שיברך את הרך הנימול שלא יהיה עליו מחלוקת... (כידוע שאחיה הקדושים קראו לה "פייגעלע הנביאה" משום שהיתה בעלת רוח הקודש) הניף הר"ר ברוך את ידו הטהורה ואמר **"דאס איז פארפאלן"!** (כנ"ל, שכדי שיהא קיום לנשמה גבוהה כזו בעולם השפל, בהכרח שתהיה עליו מחלוקת).

### לו עמי שומע לי

פעם כשנסע הרה"ק מבארדיטשוב בעגלה שלו עם הרב ר' שמואל יצחק מטשערין ז"ל (מגדולי תלמידי רביז"ל) אמר לו: **תאמין לי כי אם הייתי יודע שהעולם ישמעו לקולי, אז הייתי צועק בקול גדול מסוף העולם ועד סופו, שכל מי שרוצה להיות איש כשר וצדיק ועובד ה' באמת, יהיה זהיר וזריז להתקרב להרה"ק הר"ר נחמן מברסלב, אך ידעתי נאמנה, כי לא די שלא ישמעו בקולי, אף גם יתעורר על ידי זה מחלוקת גדול עלי, ואולי יש אחד שמהרהר בתשובה על ידי, ואפסיד גם את זאת, על כן אני מוכרח לשתוק בענין זה.** (עשר קדושות, מערכת ג', כתב יד. חי"מ של"ג)

### אלמלא לא אתינא לעלמא

בחיי מוהר"ן (קי"ג) מובא, שכשחזר רביה"ק מארץ ישראל (שנת תקנ"ט) היה אצל הרה"ק רבי **מרדכי'לע נעשכיזער** זצ"ל חמשה ימים קודם פטירתו. וכשיצא מוהר"ן מביתו לנסוע לדרכו. אחר כך כשחזר רבי מרדכי'לע מהלויה שליוה את רבנו ז"ל, ענה ואמר בזה הלשון: "אלמלא לא אתינא לעלמא אלא שרבי נחמן יפסיע על מפתן שלי דיי". **"איך זאל מעהר ניט באשאפין ווערין נאר אז ר' נחמן זאל בא מיר איבער טרעטין דיא שוועל איז אויך גינוג"**.

### בעבור תהיה יראתו על פניכם

פעם ראה הרה"ק רבי **נחום מטשערנאביל** זצוק"ל את רבינו הקדוש עוד בימי נעוריו בקהילת מעדוועדיבקע, ונתבהל מעוצם היראה שהיה על פניו אז, ואמר שמה שנאמר (שמות כ, יז): **"בעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו"** - זה רואין בחוש אצלו. (שיחות הר"ן קס"ח)

### קפץ ד' אמות לאחוריו

בספר "שבחי הר"ן" (י"ח) מסופר, שבעת ששהה רביז"ל בארץ ישראל בעיר טבריה, הלך לבקר אצל הצדיק הרה"ק רבי **אברהם קאליסקער** זצ"ל. בליל שבת הלך רביז"ל לכפוף את ראשו שיברך אותו, וקפץ רבי אברהם ד' אמות ממנו לאחוריו ברעדה גדולה, ודיבר בהתלהבות גדולה ולא היה אפשר להבין מה שאמר, אך בסוף שמעו שאמר: **איך אנו מתביישים בפני זרע הבעש"ט?!.**

גם במכתב שכתב הרה"ק מקאליסק לרבינו, כותב

שם בתוך דבריו: "**אני בעוז אהבתי אהבת תמיד, תהלתו בפי בעטור ועטוף, נפשי לה' יאיר ה' פניו אתו מאתר בית שכינתיה, ונהיר עלוהי הולך ואור, בהלו נרו עלי ראשו אור עולם, ויחזק במעוזו עוז מהשם וכו'. ונפשי יודעת מאד ברחימו לנצח, ודורש שלום תורתו ומעתיר בעדו, כמו כן יעשה גם הוא להעתיר עבורי בעל עת.** נאום הקטן אברהם בן אדוני אבי מורינו הרב אלכסנדר כ"ץ זללה"ה". (נעתק בס' חי"מ, ק"נ)

## איך אפשר לומר תורה?!

בספר "אבניה ברזל" מובא, כי סיפרו חסידיו של הרה"ק רבי **אורי סטרעליסקער** זצ"ל, כי בשעת אמירת התורה על שלחנו היה מרגלא בפומיה לומר: "**אורי, אורי, ווי קענסטו זאגן תורה, אז דער 'ליקוטי מוהר"ן' איז דא אויף דער וועלט?!...**".

## חד בדרא

הרה"ח ר' משה בורשטיין ז"ל סיפר מה ששמע מזקני חסידי גור. כי פעם בעת היות הרה"ק בעל **החידושי הרי"ם** אצל איזה שמחה (כמדומה שהיתה זו ברית מילה), ביקש שיביאו לו איזה ספר שיזדמן להם בכדי לעיין בו. הללו מצאו את הספה"ק סיפורי מעשיות והגישו לו. ה"חידושי הרי"ם" לקח את הספר והתעמק בו מאד, כשהוא עומד רגל אחת על הארץ ורגלו השניה על הספסל, וכך עבר כמעט על כל הספר. משהגיע למעשה הנורא של הז' בעטלער'ס, סגר האדמו"ר את הספר ואמר בזה"ל: "**ביז אהער האב איך נאך עפעס פארשטאנען, ווייטער ווייס איך שוין גאר נישט!**". (ויש אומרים שאמר: כי מי שמבין את המעשה הזה של הז' בעטלער'ס יכול לדעת את קץ הגאולה.)

כמו כן סיפר הגה"ח רבי גד'ל אייזנער (מגדולי חסידי גור) לאחד מחסידי ברסלב, שה"חידושי הרי"ם" התבטא פעם על רבינו זי"ע שהוא **'חד בדרא'**.

## בושה מפני גודל קדושתו

מפי החסיד רבי בנציון אפטער ז"ל מקובל, שהרה"ק **מקאצק** זצ"ל נטל פעם את הספר 'ליקוטי מוהר"ן' בידו, וכה אמר: "**איך שעם זיך פאר קיינעם נישט אין ענין פון קדושה, נאר פארן 'ליקוטי מוהר"ן'**".

בספר "שיחות הר"ן" (קע"ט) מובא, שרביז"ל אמר קודם הסתלקותו, שכבר הוא עומד עכשיו על מדריגה כזו שאי אפשר להשיג יותר בשום אופן כל זמן שמלובשין בהגוף. ואמר שמתגעגע מאד להפשיט גופו, כי אי אפשר לו לעמוד על מדריגה אחת בשום אופן. ועי"כ מוכרח להסתלק. ואמר אז בזה"ל: **"איך וואלט שוין גיגערין דאס העמדיל** (כלומר: הגוף) **אויס גיטאן. ווארין איך קאן אויף איין מדיגה נישט שטיין!"**

## מיד לבש השטריימל

בספר תולדותיו של הרה"ק רבי **יצחק מווארקא** זצ"ל הנקרא "תולדות יצחק", מובא שם בזה"ל: "ועוד שמעתי כשנתבשר הרה"ק הנ"ל (מווארקי) שאיש אחד בא אצלו להביא לו הספה"ק 'ליקוטי מוהר"ן', נתמלא שמחה וחדוה עצומה על בשורה זו **ומיד לבש השטריימל ויצא לקראתו לקבל פני הספה"ק בבגדי שבת, והיה אצלו כמו שמחת תורה**".

## דרכו הקדוש של ה"דברי חיים" במוצאי יום הקדוש

הגה"צ רבי ישכר בעריש דאכנער זצ"ל אבד"ק באניע, ובסוף ימיו אבד"ק ייטב לב באנטווערפן, שנמנה על צאצאי הרה"ק הדברי חיים מצאנז זצוק"ל (אמו היתה בת הרה"ק רבי ברוך מגארליץ בן ה"דברי חיים" זיע"א) סיפר; כי במוצאי יום הכיפורים היתה דרכו בקודש של זקינו הגה"ק בעל ה"**דברי חיים" מצאנז** לדבר מגדולת הקדוש מוהר"ן מברסלב זי"ע.

## איני יכול להיות יום אחד בלעדיו!

הרה"ק רבי **צדוק מלובלין** זצ"ל חיבר כידוע "מראי מקומות" ל"ספר המידות" לרבינו מוהר"ן. ומסופר כי כאשר באו לבקשו שישאיל את ספר המידות שלו על מנת שיוכלו להדפיסו ביחד עם המראה מקומות שערך, סירב הרה"ק ר' צדוק לתתו בהטעימו; "**הספר הזה הוא חיותי! - ואיני יכול להיות יום אחד בלעדיו...**". ואכן היו צריכין להשאיל לו ספר המידות אחר עד שגמרו להעתיקו ולהדפיסו.

ובספר "תפארת מהר"ל" כותב: "ואנכי שמעתי מאת אדמו"ר הכהן הגדול מלובלין זצ"ל שאמר בזה"ל: "**ר' נחמן'לע ברעסלעווער זצ"ל האט געהאט א פייערדיגן מוח, אין איז געווען באמת א קדוש עליון, עס איז נאר א שאד וואס ער איז פארווארפען געווארן קיין רוסלאנד, עס וואלט איהם גיכער געפאסט צו זיין א פולישער גוטער איד**"...

## מזוכך לגמרי

בלאנדאן התגורר ה"לעיזשע'ער רב", ובהזדמנות שאל הוא את **רביה"ק מסטאמאר** זצוק"ל לענין המחלוקת שהיתה על רביה"ק בעל 'ליקוטי מוהר"ן'. האדמו"ר נשתהה רגע ברעיונותיו הקדושים ולאחר מכן נענה ואמר: אפילו אצל הצדיקים הגדולים במעלה, בהכרח שנשאר אצלם מעט שלא נזדכך לגמרי - וזה נובע מחטא עץ הדעת. ואילו בעל ה'ליקוטי מוהר"ן' היה מזוכך לגמרי, לכן היה אצלו בחינת "**ויקנאו בו אחיו**" - הנאמר אצל יוסף הצדיק, ובגין כך חלקו עליו.

כמו כן ידוע מה שהרה"ק מסטאמאר זצוק"ל מתבטא בספרו "ויואל משה" על רבינו (סי' ק"נ עמ' שס"ג) כשמעתיק משיחות הר"ן אודות האפיקורסות שתתפשט בעקבתא דמשיחא: "**וזה ענין של רוח הקודש שראה מה שיגיע אלינו בעיקבא דמשיחא**"!.

המשך **מעט מן האור** מעמוד א'

המלאכי השרת שואלים בעולם העליון - **מאן נצח**? ומשיבים להם: **מאן דאחיד מאנא קרבא בידוהי!** (מי שאוחז הכלי זיין בידיו - הרומז על הד' מינים). ולכאורה אינו מובן כלל מה זאת השאלה "מאן נצח", הלא בכל המלחמות רואין מאן נצח, מי שכבש המלחמה והרג את שונאו, ומה השאלה?! וגם התשובה "מאן דאחיד מאנא קרבא בידוהי", הלא אדרבא בכל המלחמות זה סימן שלא ניצח עדיין המלחמה, מאחר שצריך עוד לאחוז הכלי מלחמה בידיו?! אך באמת כבר מבואר, שמלחמת עמלק שאורב תמיד על האדם ורוצה להפילו לגמרי ח"ו זה מלחמה ארוכה מאד. ועיקר הכנעתו הוא: **התחזקות!** שבכל מה שעובר עליו כל ימי חייו יהיה חזק מאד לבל יפול משום דבר! נמצא, שבענין מלחמה זאת, כל נצחון המלחמה הוא כשהוא חזק בדעתו לאחוז ולעמוד עצמו בקשרי המלחמה בכל מה שיעבור עליו! **וכל זמן שהאדם אינו מייאש עצמו ומחזק עצמו להתחיל בכל פעם מחדש - הוא נקרא "נוצח"**. ועתה מובן דברי הזוה"ק "מאן נצח", כי בוודאי במלחמה זאת אין רואין בחוש עדיין מאן נצח, בפרט באריכות הגלות הזה, אך מאחר שכלל ישראל עוסקין ואוחזין עדיין ה"מאנא קרבא" בידיהם, שהם הד' מינים ומתפללין בהם, אזי בוודאי כבר נצחו המלחמה, כי זה עיקר **נצחון** המלחמה!

*(ליקו"ה שבת ה"ז, נ"ד)*

## שמחת תורה

### *בראשית - לעיני כל ישראל*

מה שמסיימין התורה בשמח"ת בפסוק **לעיני כל ישראל** ותיכף אחר כך מתחילין מ**בראשית**, כי פסוק לעיני כל ישראל קאי על שבירת הלוחות כשדרז"ל אשר בזה המשיך לנו משה רעיא מהימנא תיקון נפלאה של **שכחה** (כשרז"ל: אלמלא לא נשתברו לוחות הראשונות לא היה התורה משתכחת) שיוכל כל אחד **להשכיח** ולהעביר מדעתו כל מה שעבר כדי שיוכל להתחזק ולא ליפול בשום אופן **ולהתחיל** מחדש - אשר על זה מרמז מה שתיכף אחר **לעיני כל ישראל** קורין **בראשית**, היינו שחוזרין לתורה **מההתחלה!**

*(ליקו"ה ספר תורה ה"ד, ו')*

ער אין יענע מינוטן עוסק זיין אין קיום תורה ממש! ער האט שוין מיט וואס זיך צו מחיה זיין אין זיין מצב!

דערפאר, דווקא נאך דעם הייליגן יו"ט סוכות זענען מיר זוכה צו שמחת תורה, זיך צו פרייען מיט די תורה הקדושה. וויבאלד דורכדעם וואס מיר גייען אריין אין די סוכה מיט אונזער גאנצע קערפער מיט אלע אונזערע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, ווערן מיר זעלבסט פארוואנדלט אלץ א לעבעדיגע ספר תורה! וואס אצינד - וואו מיר ווען זיך נאר קערן אדער אהינטאן דורכאויס דעם קומענדיגן יאר וועלן מיר שטענדיג קענען טרעפן מיט וואס זיך אנצוכאפן אין די תורה און אנהאלטן אונזער קשר מיטן באשעפער! זאל עס זיין סיי וואו און סיי ווען אימער: ביים עסן, טרינקען, ארבעטן, אויפשטיין, זיך לייגן, גיין אין גאס, אינדערהיים, אונטערוועגנס, זיצנדיג אליין, שמועסנדיג מיט מענטשן, און אזוי ווייטער, ווייל - **אורייתא וישראל כולא חד!**

דעריבער קומט אויס, מיר האבן שוין איינמאל מיט וואס צו זיין פריילך! וויבאלד מיין עיקר שמחה מיט וואס איך פריי זיך אין שמחת תורה איז פשוט מיט זיך זעלבסט, מיט מיין אייגענע חלק וואס איך האב אין די תורה וואס באגלייט מיר וואו נאר איך געפין זיך! איך פריי זיך **אשר בחר בנו מכל העמים**, אז ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער, **ונתן לנו תורת אמת, וחיי עולם נטע בתוכנו**, ער האט איינגעפלאנצט און אריינגעפלאכטן די תורה אין מיר אריין, מיך מאכנדיג דערביי צוגעקניפט און צוגעבינדן אלץ איין שטיק מיט די תורה - וואס אט דאס איז הויפטזעכליך מיין אויסטערלישע שמחת התורה!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# די מאָדנע שדכנות געלט

דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל דראהאביטש'ער (דער פאטער פון הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשובער) - וועלכער האט זיך געציילט צווישן די געהויבענע פון די חברייא קדישא פונעם הייליגן בעש"ט הקדוש - האט געהאט א שוועסטער וואס איז געווען באקאנט אלס א ספעציעלע גראטענע פרוי, זייענדיג א גרויסע יראת ה', און דערצו איז זי געבענטשט געווארן מיט א געוואלדיגע עשירות.

נאכדעם וואס זי איז געווארן אן אלמנה, האבן זיך פילע געקערט צו איר, אנטראגנדיג גאר שיינע שידוכים, ציענדיג מיוחס'דיגע קייטן און זעלבסט געהויבענע אינגעלייט - לויט ווי עס האט זיך געפאסט פאר איר שטאנד, אבער צו אלעמענס וואונדער האט זי אלעס אפגעזאגט, און קיין איינס פון די אנגעטראגענע שידוכים האט נישט געפאנגען איר הארץ.

אין איינס פון די טעג האט זי דערגרייכט צום טיר פונעם הייליגן בעל שם, ווען זי ווענדט זיך צום גרויסן צדיק אז ער זעלבסט זאל אויסוועלן פאר איר א פאסיגן שידוך, א דערהויבענעם אינגערמאן. דער הייליגער בעש"ט האט פארמאכט זיינע אויגן, און א שטילקייט האט ארומגענומען דעם צימער, דאן, נאך א לענגערע ווייליע פון איינגעהאלטענע שטילקייט, רופט זיך דער צדיק אן צו איר: "מיין תלמיד, רבי נחמן הוראדענקע'ר, ער איז דיין באשערטער".

אין יענע צייט, האט דער גרויסער צדיק רבי נחמן הוראדענקע'ר פארלוירן זיין ערשטע פרוי. ווי פארשטענדליך האט מען אים גערעדט די שענסטע שידוכים, אבער טראצדעם אלעם האט אים נישט געצויגן קיין איינס פון זיי, ווארטנדיג אז דער רבוש"ע זאל אים צושיקן זיין באשערטן.

ווען רבי נחמן האט געהערט די רייד פון זיין גרויסן רבי'ן, איז ער גלייך איינגעגאנגען אויפן שידוך, און ביז א קורצע צייט האט מען געבראכן טעלער צום שידוך.

נאכן תנאים האט רבי נחמן געוואנדן זיינע טריט צום שטוב פונעם בעש"ט, און אים געפרעגט וואס ער קומט פאר'ן רבי'ן אלס שדכנות געלט.

"מיר וועלן זיך משדך זיין אינאיינעם מיטן קינד וואס וועט ארויסקומען פון דעם שידוך - אט דאס וועט זיין די שדכנות געלט" - האט דער בעש"ט געענטפערט קוקנדיג מיט זיינע ווייטע אויגן.

"אבער רבי", האט רבי נחמן פארגעווארפן, "איך צייל זיך דאך אלץ א גלייכער איינקל בן אחר בן פון מלכות בית דוד, ביז דוד המלך ע"ה". דער הייליגער בעש"ט האט זיך נישט פארזוימט, נאר תיכף ארויסגעצויגן א 'מגילת יוחסין' פון שופלאד, אנווייזנדיג אז ער פארמאגט אויך אזא יחוס...

***

נאך די חתונה האט רבי נחמן זיך געוואנדן צו זיין נייעם ווייב, איר זאגנדיג אז ער מוז זיך זאפארט ארויסלאזן אויף א רייזע, אויפצוטון פארשידענע העכערע ענינים, און אז ביז א קורצע ווייליע וועט ער זיך האפנטליך אומקערן.

א קייליכיגע יאר איז אריבער, אבער פון רבי נחמן דערקענט זיך נישט קיין שום שפירן, קיינער ווייסט נישט וואו אהין ער איז פארשוואונדן געווארן... זיין ווייב'ס הארץ איז געווען פארקלעמט האפנדיג אז עס וועט נאך קומען א טאג און ער וועט זיך אומקערן.

אין איר קלעם האט זי זיך געוואנדן צום שדכן - דער הייליגער בעש"ט, אויסגיסנדיג איר פארביטערטע הארץ נישט וואוסנדיג וואס וועט זיין איר ענדגילטיגן שוקזאל.

"ווי נאר איך וועל באגעגענען מיין תלמיד, וועל איך רעדן מיט אים דערוועגן", האט איר דער צדיק פארזיכערט.

אין איינס פון די טעג, שטעלט זיך רבי נחמן פאר זיין גרויסן רבי, ווי נאר דער בעש"ט האט אים באמערקט, האט ער געוואנדן זיינע פארוואונדערטע אויגן אין זיין תלמיד'ס ריכטונג - "פארוואס באווייזטו זיך נישט פאר דיין שטוב?" - האט אים דער צדיק פארגעהאלטן.

"רבי", האט רבי נחמן געענטפערט מיט א שעמעוודיגע שטימע, "איך ווייס ביי מיך אז ווי נאר זי וועט געבוירן א קינד, וועט זי גלייך פארלאזן די וועלט, און דערפאר פרוביר איך עס אפצושטיפן אויף ווי שפעטער".

דער בעש"ט האט איבערגעגעבן פאר רבי נחמן'ס רעבעצין די גענויע ווערטער וואס ער האט געהערט פון רבי נחמן'ס מויל, און נאך עטליכע מינוט האט זיך די פרוי אנגערופן - "איך ווייס אז אלעס וואס ער זאגט איז זיכער אמת, און פונדעסטוועגן בין איך גרייט צו נעמען אויף מיר די ריזיקע"!

ווען עס איז געקומען די צייט, איידער זי האט אראפגעברענגט די נשמה אויף דער וועלט, האט זי אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל, בעטנדיג "רבוש"ע, געב מיר כאטש א חודש צייט אז איך זאל קענען פארברענגען מיט מיין ניי-געבוירענעם קינד, און נאך זוכה זיין צו שעפן אביסל נחת אויף דער וועלט..."

די ברית מילה איז אפגעהאלטן געווארן מיט גרויס פרייד, און; ויקרא שמו בישראל "שמחה".

די תפילה פון דאס קינד'ס מאמע איז טאקע אנגענומען געווארן, און נאך א חודש האט זי אויסגעהויכט איר נשמה, איבערלאזנדיג אויפן וועלט א הייליג קינד.

דאס קינד שמחה איז איבערגעגעבן געווארן צום שטוב פונעם בעש"ט, וויבאלד זיין גרויסער טאטע האט נישט געהאט די מעגליכקייט אים צו ערציהן, זייענדיג פארנומען ארומצופארן בשליחות פון זיין רבי'ן. דער הייליגער בעש"ט האט זיך פיל אפגעגעבן מיטן קינד, און האט עטליכע מאל געלאזט פאלן ווערטער איבער די גרויסקייט פונעם קינד פאר זיין הייליגן טאכטער די צדיקת אדל.

יארן זענען אריבער, און דאס קינד איז גרעסער געווארן, ווען אינדערמיט האט דער הייליגער בעש"ט הקדוש פארלאזט דער וועלט. דאס קינד איז שוין אלט געווען צען יאר, און האט געגנצליך מקדיש געווען זיין לעבן דינענדיג דעם אייבערשטן אין די פעלדער און וועלדער. אדל, וועלכע איז געווען א ווייט-זעענדע פרוי, האט זיך דערמאנט איבער די שבחים וואס איר טאטע האט געזאגט אויפן קינד, און האט פארשטאנען אז נישט אומזינסט האט איר גרויסער טאטע זיך אויסגעדרוקט פאר איר, די שבחים אויפן קינד שמחה, און זיכער האט ער איר געמיינט צו מרמז זיין אז זי זאל אים נעמען פאר אן איידעם, א מאן פאר איר טאכטער פייגא, וועם אירע גרויסע ברודערס, דער הייליגער דגל מחנה אפרים און רבי ברוכ'ל מעזיבוז'ער האבן גערופן 'פייגא'לע די נביאה'טע'.

אט פון דעם שידוך איז שפעטער ארויסגעקומען דער גרויסער וואונדערליכע נשמה - רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זצוק"ל, וועלכער האט באלויכטן דער וועלט מיט זיין געטליכן שיין וואס גייט נאך אן ביזן היינטיגן טאג.

**- - - די שדכנות געלט האט זיך ווירקליך אפגעצאלט!**

ואלו יעמדו על הברכה

לע"נ מוה"ר **יהודה** במוה"ר **אברהם** ע"ה **ליכטער**

ת.נ.צ.ב.ה.

מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו
בארא פארק

ומחותנו

מוה"ר **יעקב נתן ליכטער** הי"ו
וויליאמסבורג

ובנו/חותנו מוה"ר **יוסף זכרי' שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג

**שתרמו 1,500 גליונות**

לרגל שמחת הולדת נכדתם/בתו למז"ט

**קול החבורה**
**646.585.2985**

**קול משיב לשואל**
**718.362.8870**

**אוצרות ברסלב 718.855.2424**